Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער
# טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער
ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 19, נומער 5 (95)

אָבֿ תשע״ד/יולי 2014

## די גוואַלדיקע „אוצרות“[1] פֿון נחום סטוטשקאָוו[2]

איר קענט אַוודאי[3] דעם אוצר ! וואָס פֿאַר אַן אוצר ? אונדזער ייִדישער אוצר ! דער *אוצר*[4] *פֿון דער ייִדישער שפּראַך*, צונויפֿגעשטעלט[5] דורך נחום סטוטשקאָוו און אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק אין 1950 אונטער דער השגחה[6] פֿון ייִוואָ[7]. דאָס איז אַ „טעזאַורוס“, אַ ריזיקע[8] זאַמלונג ווערטער און אויסדרוקן[9], וואָס בלײַבט ביז הײַנט צו טאָג אַ נייטיקער מכשיר[10] פֿאַר יעדערן וואָס וויל שרײַבן אויף ייִדיש און זוכט דאָס פּאַסיקסטע[11] וואָרט.

און ווער איז נחום סטוטשקאָוו ? אַ ייִד מיט פֿילצאָליקע טאַלאַנטן, ניט נאָר אַ גלענצנדיקער[12] לעקסיקאָגראַף, נאָר אויך אַן אַקטיאָר, דראַמאַטורג און איבערזעצער (אַ חוץ[13] ייִדיש, העברעיִש און פּויליש האָט ער זיך אויסגעלערנט רוסיש, דײַטש, פֿראַנצייזיש און ענגליש). ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ פּויליש שטעטל בראָק[14], לאָמזשער געגנט[15], אין 1893, אויפֿגעצויגן געוואָרן אין וואַרשע, צו 16 יאָר אָנגעהויבן צו שפּילן אויף דער בינע[16] און ביסלעכווײַז געוואָרן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר. ער האָט גאַסטראָלירט[17] מיט פֿאַרשיידענע ייִדישע טרופּעס, געשריבן און איבערגעזעצט פּיעסעס (צווישן אַנדערע פֿון מאָליער). אין 1923 איז ער אַוועק אין אַמעריקע מיט ווײַב און קינדער און ווײַטער געשפּילט אויף דער ייִדישער בינע אין ניו־יאָרק. ערשט אין 1931 האָט ער געפֿונען זײַן אמתן[18] אָרט – אויפֿן ראַדיאָ.

די דרײַסיקער יאָרן זענען געווען די גאָלדענע תּקופֿה[19] פֿון ייִדישן ראַדיאָ אין אַמעריקע. אין ניו־יאָרק אַליין האָבן 23 סטאַנציעס טראַנסמיטירט פּראָגראַמען אויף ייִדיש. סטוטשקאָוו האָט געשריבן קאָמישע און דראַמאַטישע פּיעסעס – וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט[20] דאָס לעבן פֿון די אימיגראַנטן און וואָס זענען געווען זייער פּאָפּולער. ער האָט אויך געדאַרפֿט אָנשרײַבן רעקלאַמעס[21] (אָפֿט מאָל געגראַמטע[22]) און דאָס האָט אים צוגעפֿירט צו אַ צווייטן אַספּעקט פֿון זײַן שאַפֿן – פֿילאָלאָגיע. ער האָט צונויפֿגעשטעלט אַ גראַמען־לעקסיקאָן[23], אַרויס אין 1931, דעם ערשטן (און איינציקן) אין דער ייִדישער שפּראַך. וואָס ווײַטער אַלץ מער האָט ער זיך פֿאַראינטערעסירט אין ווערטער, אין לעקסיקאָגראַפֿיע, אַ געביט[24] אויף וועלכן ער איז געווען אין גאַנצן אַן אויטאָדידאַקט.




נאָך דעם חורבן[25] האָט אים אויסגעזען וויכטיק צו טאָן וואָס מעגלעך צו פֿאַראייביקן[26] די ייִדישע שפּראַך, וואָס ער האָט געזען אַז זי גייט באַרג־אַראָפּ[27] אין אַמעריקע. ער האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן אַרבעטן אויף זײַן ווערטער־זאַמלונג. די אַרבעט האָט געדויערט 15 יאָר ביז דאָס בוך איז אַרויס אין 1950. אין דער זעלבער צײַט האָט ער געהאַט אַ ראַדיאָ־פּראָגראַם אויף אָט דער טעמע. אַלע זונטיק 12.30 אַ זייגער, פֿלעגט ער רעדן וועגן ייִדיש, דערקלערן דעם אָפּשטאַם[28] פֿון ווערטער און דערציילן אַנעקדאָטן וועגן ייִדישע אויסדרוקן. עטלעכע יאָרן האָט ער אויך מיטגעאַרבעט מיטן פּראָיעקט פֿון *גרויסן ייִדישן ווערטערבוך*. נאָך דעם זיך אַרײַנגעוואָרפֿן מיט אַלע כּוחות[29] אין רעדאַגירן אַן אוצר פֿון דער העברעיִשער שפּראַך, *אוצר השפה העברית*[30], וואָס איז אַרויס אין 1968, דרײַ יאָר נאָך זײַן טויט.

טאָ[31] פֿאַר וואָס רעדן מיר הײַנט וועגן די אַלטע מעשׂיות[32] ? ווײַל ס׳איז נאָר וואָס אַרויס אין ניו־יאָרק אַ „נײַע מעשׂה“, אַ בוך, *מאַמע־לשון*[33], וואָס וואַקסט אַרויס דירעקט פֿון אָט דעם ראַדיאָ־פּראָגראַם.

אין 1986 האָט דער מוזיק־פֿאָרשער[34] הענרי סאַפּאָזשניק געפֿונען רעקאָרדירונגען פֿון ייִדישע ראַדיאָ־פּראָגראַמען, וואָס מען האָט דיגיטאַליזירט און אַרויסגעגעבן ווי „דער ייִדישער ראַדיאָ־פּראָיעקט“. צווישן אַנדערע זענען געווען סטוטשקאָווס עמיסיעס. דערנאָך האָט די ייִדישע צײַטונג *פֿאָרווערטס* אין ניו־יאָרק אָנגעהויבן פּובליקירן די טעקסטן פֿונעם פּראָגראַם, וואָס האָט דערלויבט ייִנגערע לייענערס צו אַנטדעקן סטוטשקאָווס קלוגשאַפֿט, הומאָר, און זײַן סטיל, אי געלערנט אי[35] היימיש[36]. דאָס איז געוואָרן די באַזע פֿון דעם דאָזיקן בוך,

[סוף ז׳ 8]

1. ... oytsres fabuleux trésors/fabulous treasures, *sing.* אוצר oytser 2. Nokhem Stutchkoff (1893-1965) 3. avade bien sûr/of course 4. *ici/here* thésaurus 5. rédigé/edited 6. hashgokhe supervision 7. YIVO ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט 8. vaste/huge 9. expressions 10. makhshir outil/tool 11. le plus approprié/most suitable 12. brillant/brilliant 13. akhu'ts à part/aside from 14. Brok 15. région de/of Lomza 16. scène/stage 17. faisait des tournées/toured 18. e'mesn vrai/real 19. ... tkufe âge d'or/golden age 20. reflétaient/reflected 21. publicités/commercials 22. rimés/rhymed 23. dictionnaire de rimes/rhyming dictionary 24. domaine/field 25. khurbn Shoah 26. perpétuer/perpetuate 27. déclin/decline 28. origine/origin 29. koykhes forces/strength, *sing.* כּוח koyekh 30. otsar hasafa haivrit 31. alors/so 32. mayses histoires/stories, *sing.* מעשׂה mayse 33. ...-loshn langue maternelle (yiddish)/mother tongue (Yiddish) 34. chercheur/researcher 35. à la fois... et.../both...and... 36. familier/homey

אין די וואַקאַציעס פֿאָרט מען אַ סך אַרום, צווישן אַנדערע מיט דער באַן. אויף די צוויי זײַטן וועט איר געפֿינען אַרטיקלען פֿון לאַנגיאָריקע סטודענטקעס פֿונעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – עלען חדש[1] און דאָריס ענגעל[2] – אויף דער דאָזיקער טעמע, אינספּירירטע פֿון שלום־עליכמס[3] אײַזנבאַן־געשיכטעס[4].

# באַניסטן און אַוויאָניסטן[5] – אַ דיאַלאָג

## פֿון עלען חדש

– איר פֿאָרט מיט דער באַן אָדער מיטן אַוויאָן ?

– מיט דער באַן אַוודאי[6] ! איך בין אַ פֿאַרברענטער[7] באַניסט.

– אַ באַניסט ? וואָס פֿאַר אַ באַשעפֿעניש[8] איז דאָס ?

– ווייסט איר דען נישט אַז די וועלט טיילט זיך[9] אויף באַניסטן און אַוויאָניסטן ?

– וואָס הייסט ? צי זײַנען דאָס פּאָליטישע פּאַרטייען ?

– פֿיל מער ווי פּאָליטישע פּאַרטייען ! צוויי היפּוכדיקע קוקווינקלען[10], צוויי אופֿנים[11] צו קוקן אויף דער וועלט, צוויי פֿילאָסאָפֿיעס, צוויי וועלטבליקן. צי זײַט איר צופֿעליק[12] אַן אַוויאָניסט ?

– איך פֿאָר אי מיט דער באַן, אי[13] מיטן אַוויאָן. עס ווענדט זיך[14] ווּהין איך פֿאָר, ווי לאַנג איז דער מהלך[15].

– אוממיגלעך[16] : מע דאַרף אויסקלײַבן. אָדער באַן, אָדער אַוויאָן. אמת[17], עס קומט פֿאָר[18], אַז מע קען נאָר פֿאָרן מיטן אַוויאָן, חס־ושלום[19] ! אויב מע פֿאָרט אין עק וועלט[20] – נישט פֿאַר אײַך געדאַכט[21] – איז ניטאָ קיין ברירה[22]. אָבער אַבי[23] עס איז יאָ דאָ אַ ברירה, איז ניטאָ וואָס צו קווענקלען זיך[24] : מע פֿאָרט מיט דער באַן.

– דער אַוויאָן האָט דאָך אויך מעלות[25]. מע פֿליט, מע ווייס נישט ווּ מען איז, מע לאַנדט[26], און פּלוצלינג[27] גייט מען אַרויס שוין אין אַ גאַנץ אַנדער לאַנד, אונטער אַ גאַנץ אַנדער הימל, אין אַ גאַנץ אַנדער טייל וועלט. עס איז אַ כּישוף[28] !

– נישטאָ קיין כּישוף, נישטאָ קיין נס[29] ! איר זײַט בלויז געפֿלויגן צו הויך, איבער די כמאַרעס[30] אַריבער, און האָט גאָרנישט געזען, גלײַך ווי איר וואָלט געפֿאָרן מיט פֿאַרבונדענע אויגן. אין באַן זעט איר, ווי די לאַנדשאַפֿט ענדערט זיך ביסלעכווײַז, ווי די פֿאַרשיידענע





קולטורן בײַטן זיך. איר האָט צײַט, איר אַנטדעקט די וועלט פֿון אונטן, אויף מענטשלעכער הייך[31], פֿון דער ערד, נישט פֿון הימל אַראָפּ. עס איז ממשות[32], נישט קיין אַבסטראַקציע ווי אַ נסיעה[33] מיטן אַוויאָן.

– אָבער אויב איר פֿאָרט מיטן אַוויאָן...

– אויב איר פֿאָרט מיטן אַוויאָן, דאַרפֿט איר קודם־כּל[34] זיך דורכשלאָגן[35] איבער עטלעכע זיכערקייט־קאָנטראָלן, די פּאָליציי איז אומעטום, ווי אין אַ תּפֿיסה[36].

– אָבער דער אַוויאָן איז מאָדערן...

– מאָדערן שמאָדערן[37] ! מען טרײַבט אײַך[38] איבער לאַנגע קאָרידאָרן, איר זײַט ווי מײַז אין אַ בלאָנדזשערײַ[39]. שפּעטער דאַרפֿט איר שעהען לאַנג[40] אויסוואַרטן. צום סוף[41] זעצט מען אײַך אַוועק אין שמאָלע[42] ערטער, עס איז אָנגעפּאַקט[43], אַ שפּילקע[44] נישט דורכצוּוואַרפֿן. איר זײַט גלײַך ווי אין אַ לאַגער[45] !

– מיינט איר נישט אַז עס איז אַ שטיקל גוזמא[46] ?

– נישט קיין גוזמא ! מיטן אַוויאָן פֿאַלט איר אַרײַן[47] אין אונטערגעוואָרפֿנקייט[48].

– אָבער דער אַוויאָן...

דעם רעשט פֿונעם שמועס האָט מען נישט געקענט הערן. אַנדערע באַניסטן און אַוויאָניסטן זײַנען דערווײַל אָנגעקומען און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּאַרן[49]. עס איז געוואָרן אַ ליאַרעם[50], אַ געפּילדער[51], אַ טומל, אַ גערודער, אַ געראַנגל[52], הכּלל[53] אַן אַלגעמיינער געשלעג[54]. פֿאַרנומען[55] האָט מען נאָר געהײַלישע[56] געשרייען : באַן ! באַן ! באַן ! אַוויאָן ! אַוויאָן ! אַוויאָן !

1. KHODOSH Hélène Khodoss 2. Doris Engel 3. SHOLEM-ALEYKHEMS de/by Sholem-Aleykhem 4. *Contes ferroviaires/Railroad Stories* 5. *néologismes humoristiques pour* "pro-train" *et* "pro-avion"/*humorous coinages for* "train lovers" *and* "plane lovers" 6. AVADE bien sûr/of course 7. ardent 8. créature 9. est divisé/is divided 10. HE'YPEKHDIKE ... points de vue opposés/opposite viewpoints 11. OYFANIM manières/ways, *sing.* אופֿן OYFN 12. par hasard/by any chance 13. tant... que/both ... and 14. ça dépend/it depends 15. MEHALEKH distance 16. impossible 17. EMES c'est vrai/it's true 18. il arrive que/it may happen 19. KHAS-VESHOLEM Dieu préserve !/God forbid! 20. à l'autre bout du monde/to the other end of the world 21. que cela vous soit épargné/may you be spared the like 22. BREYRE choix/choice 23. tant que, du moment que/as long as 24. il n'y a pas à hésiter/no need to hesitate 25. MAYLES avantages/advantages 26. on atterrit/you land 27. soudain/suddenly 28. ... KISHEF c'est magique/magic 29. NES miracle 30. nuages/clouds 31. à hauteur d'homme/on a human scale 32. MAMOSHES c'est réel/reality 33. NESIE voyage/trip 34. KOYDEM-KOL tout d'abord/first of all 35. réussir à franchir/make your way through 36. TFISE prison 37. "*shm...*" *déformation dédaigneuse de* "*moderne*"/*deformation of* "*modern*" *to express disdain* 38. on vous pousse/they herd you 39. labyrinthe/maze 40. SHOEN ...pendant des heures/for hours 41. ... SOF finalement/at last 42. étroits/tight 43. bondé/packed 44. épingle/pin 45. camp 46. ... GUZME un peu exagéré/a bit exaggerated 47. vous tombez dans/fall into 48. dépendance 49. se disputer/argue 50. clameur/clamor 51. vacarme/tumult 52. combat 53. HAKLA'L bref/in short 54. bagarre/fight 55. on entendait/was heard 56. stridents/strident.

# אין דער באַן

## פֿון דאָריס ענגעל



ווען איך לייען די *אײַזנבאַן־געשיכטעס*[1] פֿון שלום־עליכם[2], בענק איך נאָך[3] די אַמאָליקע צײַטן, ווען מען האָט שטענדיק געשמועסט מיט די אַנדערע פּאַסאַזשירן. הײַנט צו טאָג אין פֿראַנקרײַך איז עס אין גאַנצן פֿאַרקערט: קיינער רעדט נישט מיט קיינעם. איך פֿאָר כּסדר[4] מיט דער באַן פֿון שטראַסבורג קיין פּאַריז און צוריק. וויפֿל ווערטער זאָג איך? אפֿשר[5] צען אין אַ נסיעה[6].

וואָס טוען די מענטשן בשעת[7] דער נסיעה? זיי שלאָפֿן. איך בין אַ מאָל אַרײַן אין דער באַן וואָס פֿאָרט אָפּ פֿון פּאַריז. מײַן שכן[8], אַ יונגער־מאַן, איז שוין געשלאָפֿן אויף זײַן פּלאַץ. ער האָט זיך נישט אויפֿגעכאַפּט[9] במשך[10] דער גאַנצער נסיעה. ער האָט אַוועקגעלייגט זײַן בילעט אויף דעם טישל, כּדי[11] דער קאָנטראָלאָר זאָל קענען קאָנטראָלירן און אים נישט שטערן. ווען מיר זענען געווען נישט ווײַט פֿון שטראַסבורג, האָב איך זיך מישבֿ געווען[12], צי איך זאָל אים אפֿשר אויפֿוועקן, ווײַל שטראַסבורג איז נישט געווען דער טערמינוס – אָבער ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿינף מינוט פֿאַרן אָנקומען, גענומען זײַן וואַליזקע[13] און איז אַוועק, אָן אַ וואָרט.
מענטשן קוקן דורכן פֿענצטער, אַנדערע האָבן אַ קעשענע־טעלעפֿאָן[14] אין האַנט, זיי קלינגען אָן צו עמעצן, אָדער זיי שיקן עס־עם־עס[15], אָדער זיי שפּילן. אַנדערע האָבן אַ שויס־קאָמפּיוטער[16] אויף וועלכן זיי שרײַבן טעקסטן, אַרבעטן, שיקן בליצבריוו[17] אָדער קוקן אויף פֿילמען. עטלעכע לערער פֿאַרבעסערן די היימאַרבעט[18] פֿון די תּלמידים[19]. עטלעכע פּאַסאַזשירן לייענען צײַטונגען, צײַטשריפֿטן אָדער אַפֿילו[20] ביכער. איך קויף זיך שטענדיק אַ צײַטונג אויף דעם וואָקזאַל[21], אָבער איך האָב חשק[22] צו לייענען די צײַטונגען פֿון די אַנדערע – ליידער, דערוועג איך זיך נישט[23] צו לײַען[24] בײַ זיי די צײַטונגען.
איך קען נישט שלאָפֿן און לאַנגווײַל זיך[25] אַ סך. איך זאָג מײַן שכן: „זײַט מיר מוחל[26]“, איך שטיי אויף און גיי אין דעם רעסטאָראַן־וואַגאָן. איך זאָג דעם סאַרווער[27]: „אַ קאַווע מיט מילך, ביטע“, ער ענטפֿערט: „מיט צוקער?“, זאָג איך „ניין“, ער גיט מיר די קאַווע, איך זאָג „אַ דאַנק“, איך טרינק מײַן קאַווע, גיי צוריק צו מײַן פּלאַץ און זאָג נאָך אַ מאָל: „זײַט מיר מוחל“.
טאָ[28] ווען וועל איך דערציילן מײַן באַן־וויץ? איך וועל עס אָנשרײַבן:
*אַ בחור[29] זיצט אַנטקעגן אַ בעל־הבית[30], וואָס זעט אויס ווי אַ נגיד[31]. די באַן פֿאָרט. פֿרעגט דער בחור דעם מאַן:*
*– וויפֿל האַלט דער זייגער[32]?*
*דער מאַן ענטפֿערט נישט; דער בחור פֿרעגט אַ צווייט מאָל, און נאָך אַ מאָל, יענער[33] שווײַגט. דענערווירט[34], פֿרעגט דער בחור:*
*– פֿאַר וואָס ענטפֿערט איר מיר נישט?*
*זאָגט דער מאַן:*
*– אויב איך זאָג דיר, וויפֿל איז דער זייגער, וועלן מיר אָנהייבן צו שמועסן. דו וועסט מיר זאָגן אַז דו פֿאָרסט קיין וואַרשע[35], אַז דו וועסט שטודירן, וווינען בײַ אַ קרובֿ[36]. איך וווין אין וואַרשע. וואָס קען איך טאָן? איך וועל דיך פֿאַרבעטן[37] שבת[38] צו מיר אין שטוב[39]. דו וועסט קומען אין מײַן דירה[40], וועסט זיך באַקענען מיט מײַן שיינער טאָכטער, דו וועסט זי ליב קריגן, זי וועט דיך ליב קריגן און איר וועט חתונה האָבן[41]. און איך וויל נישט, אַז מײַן טאָכטער זאָל חתונה האָבן מיט אַ מאַן, וואָס פֿאַרמאָגט[42] אַפֿילו קיין זייגער[43] נישט!*





1. *Contes ferroviaires/Railroad Stories* 2. SHOLEM-ALEYKHEM 3. j'ai la nostalgie de/I yearn for 4. KESEYDER continuellement/continually 5. EFSHER peut-être/maybe 6. NESIE trajet/trip 7. BESHA'S pendant/during 8. SHOKHN voisin/neighbor 9. ne s'est pas réveillé/didn't wake up 10. BEMESHEKH au cours de/during 11. KEDE'Y pour que/so that 12. MEYASHEV … j'ai réfléchi/thought it over 13. valise 14. téléphone portable/cell phone 15. SMS/text messages 16. ordinateur portable/laptop 17. e-mails 18. devoirs/homework 19. TALMIDIM élèves/pupils 20. AFILE même/even 21. gare/station 22. KHEYSHEK envie/desire 23. je n'ose pas/I don't dare 24. emprunter/borrow 25. je m'ennuie/get bored 26. … MOYKHL pardon/excuse me 27. serveur/waiter 28. alors/so 29. BOKHER jeune homme/young man 30. BALEBO'S *ici* Monsieur/*here* gentleman 31. NOGID riche/rich 32. quelle heure est-il/what time is it 33. l'autre/the other man 34. énervé/irritated 35. Varsovie/Warsaw 36. KOREV parent/relative 37. inviter/invite 38. SHABES Shabbat 39. chez moi/at home 40. DIRE appartement/apartment 41. KHA'SENE … vous marier/get married 42. ne possède pas/doesn't own 43. montre/watch.

# פּיט סיגער[1] – לזכּרון[2]

## פֿון רובי מאָנעט

אין יאַנואַר 2014 איז דער באַרימטער אַמעריקאַנער פֿאָלקזינגער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער[3], פּיט סיגער, אַוועק פֿון דער וועלט אין עלטער פֿון 94 יאָר און די וועלט איז געוואָרן אָרעמער.

פּיט סיגער איז געווען אַ מענטש פֿון אַ זעלטענעם[4] שניט[5], איינער וואָס האָט געלעבט זײַן לעבן ווי ער האָט פֿאַרשטאַנען, אָן קאָמפּראָמיסן. פֿאַר עטלעכע דורות[6] אַמעריקאַנער (און פֿאַר אַ סך מענטשן איבער דער וועלט) איז ער געווען אַ סימבאָל און אַ מאָדעל (אויף זײַנע לעצטע קאָנצערטן פֿלעגן באָבעס און זיידעס ברענגען די אייניקלעך זיי צו ווײַזן דעם העלד פֿון זייערע יונגע יאָרן). ער איז געווען אַ מוזיקער, אַ פֿאָלקזינגער, דער עיקר[7] פֿון אַמעריקאַנער לידער. נאָר ער פֿלעגט אויך פֿאָרשן[8] און זינגען מוזיק פֿון דער גאַנצער וועלט – אַלטע באַלאַדעס, לידער פֿון אַרבעט און קאַמף, קינדערלידער און פּראָטעסט־לידער. שפּעטער האָט ער געשריבן אייגענע קאָמפּאָזיציעס. איינע פֿון די באַרימטסטע איז „צו אַלץ איז דאָ אַ צײַט“[9] (באַזירט אויף קהלת[10], זעט ז׳ 7) ; אַן אַנדערע איז „ווּ זענען די בלומען אַוועק ?“[11] וואָס עס האָבן דערנאָך געזונגען אַזעלכע פֿאַרשיידענע אַרטיסטן ווי מאַרלענע דיטריך און נינאַ סימאָן.

סיגער איז געבוירן געוואָרן אין 1919 אין אַן אַלטער אַמעריקאַנער משפּחה[12] פֿון מוזיקערס און אינטעליגענטן. אָבער ער איז פֿרי אַוועק פֿון יענע קרײַזן, אַרומגעוואַנדערט איבער „טיף אַמעריקע“, זיך באַקענט מיט מוזיקער אין די שטעטלעך און דערפֿלעך[13], און זיך אויסגעלערנט שפּילן דעם 5־סטרוניקן באַנדזשאָ[14], וואָס איז געבליבן אַלע יאָרן זײַן באַליבטער[15] אינסטרומענט. ער איז אויך אַרײַן אין לינקע קרײַזן און געזונגען פֿאַר „יוניאָנס“ (סינדיקאַטן, הייסט עס), פֿאַר קינדער־קאָלאָניעס, ווי אויך אין „סאַלונס“ (שענקען[16], הייסט עס)...

חתונה געהאַט[17] האָט ער אין 1943 און געדינט[18] אין דער אַרמיי, אין דער פּאַציפֿיק־זאָנע, ביז 1944. אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיך באַזעצט אויפֿן דאָרף אין צפֿון[19] פֿון שטאַט[20] ניו־יאָרק (מער קיין מאָל ניט געווינט אין קיין גרויסער שטאָט) און מיט די אייגענע הענט (און די הענט פֿון פֿרײַנד און נאָענטע) זיך אויפֿגעבויט אַ הויז. דאָרטן האָט די משפּחה געלעבט, מיט זייערע דרײַ קינדער און שפּעטער עטלעכע אייניקלעך ביזן טויט – זײַן ווײַב טאָשי איז געשטאָרבן אין 2013 און ער אַ האַלב יאָר שפּעטער.

אין 1950 האָט ער צונויפֿגעשטעלט אַ קוואַרטעט „די וועבערס“[21], אַ נאָמען וואָס דערמאָנט אין מלאָכה[22] אָבער וואָס האָט אויך אַ ראָמאַנטישן טעם[23] פֿון אויסוועבן חלומות[24], אָדער אויסוועבן לידער... איין פּלאַטע[25] וואָס זיי האָבן דעמאָלט אַרויסגעגעבן האָט געהייסן „צאנה צאנה“[26], אַ פּאָפּולער ליד פֿון ישׂראל[27], געזונגען אין ענגליש מיט אַ רעפֿרען אין עבֿרית[28] – איז דאָס ליד, אין גאַנצן אומדערוואַרט[29], געוואָרן אַ שלאַגער[30] ! אַנדערע לידער זייערע האָבן אויך געהאַט דערפֿאָלג, ביז 1953, ווען אַמעריקע איז אַרײַן אין אַ פּעריאָד פֿון רעאַקציע, מיט אַן אַנטי־קאָמוניסטישער אינקוויזיציע אָנגעפֿירט דורכן סענאַטאָר מאַקאַרטי. דער „קאָמיטעט פֿאַר אַנטי־אַמעריקאַנער אַקטיוויטעטן“ האָט אויסגעפֿרעגט[31] טויזנטער עדות[32], און פּיט סיגער צווישן זיי. ער איז איינער פֿון די זעלטענע וואָס האָט ניט געענטפֿערט אויף דעם קאָמיטעטס פֿראַגעס, זיך פֿאַררופֿנדיק[33] אויפֿן רעכט[34] אויפֿן פֿרײַען וואָרט און פֿרײַע קאָנטאַקטן. מע האָט אים פֿאַרמישפּט[35] אויף איין יאָר תּפֿיסה[36] (שפּעטער אַנולירט), און די „שוואַרצע ליסטע“ האָט אים פֿאַרווערט[37] צו אַרבעטן. נאָר צײַטן בײַטן זיך. ביסלעכווײַז האָט דער פּאָליטישער קלימאַט זיך געענדערט. מאַקאַרטי איז געשטאָרבן אין 1957 און מיט די 60ער יאָרן איז אויפֿגעקומען אַ נײַער צײַטגײַסט. דאָס זענען געווען די יאָרן פֿון אַלע קאַמפֿן – פֿאַר גלײַכהייט צווישן ווײַסע און שוואַרצע, פֿאַר בירגעררעכט, פֿרויענרעכט, און קעגן דער מלחמה[38] אין וויעטנאַם.

סיגער איז געווען אויף אַלע פֿראָנטן, געזונגען אויף אַלע פֿאַרזאַמלונגען, מאַרשירט אויף אַלע פּראָטעסטן. זײַן לעצטער גרויסער קאַמף איז געווען די עקאָלאָגיע, בפֿרט[39] דאָס אויסרייניקן דעם טײַך[40] האָדסאָן, וואָס איז געוואָרן שטאַרק באַשמוציקט[41] אין די לעצטע יאָרן און וואָס אויף זײַנע ברעגן[42] איז געווען זײַן היים. ער האָט געשאַפֿן אַ געזעלשאַפֿט[43], צונויפֿגעקליבן געלט צו בויען אַ זעגלשיף[44] און איז געפֿאָרן איבערן טײַך, אָרגאַניזירט קאָנצערטן און אַנדערע אונטערנעמונגען[45].

מען האָט אים אָפּט מאָל באַשולדיקט[46] אין נאַיִווקייט, אינעם גלויבן אַז מיט זינגען קען מען איבערמאַכן[47] די וועלט. זעט אויס אַז ער האָט טאַקע[48] געגלייבט אַז פּראָטעסט קען ווירקן[49], אַז יעדער מענטש קען, אויב ניט איבערמאַכן די וועלט, כאָטש[50] העלפֿן עפּעס בײַטן.

פּיט סיגער איז געווען אַן אינספּיראַציע פֿאַר אַלע מוזיקערס וואָס האָבן ווען עס איז[51] געהאַט צו טאָן מיט פֿאָלקמוזיק. איינע פֿון זיי איז די ישׂראלדיקע[52] זינגערין חווה אַלבערשטיין[53]. זי איז געווען 14 יאָר אַלט ווען סיגער איז געקומען זינגען אין ישׂראל. זי האָט שוין דעמאָלט

[סוף אויף ז׳ 8]



1. Pete Seeger 2. LEZIKORN en souvenir/in memory 3. militant/activist 4. rare 5. *ici* sorte/*here* kind 6. DOYRES générations, *sing.* DOR 7. ... IKER surtout/mainly 8. rechercher/research 9. “To everything there is a season” 10. KOYELES Ecclésiaste/Ecclesiastes 11. “Where have all the flowers gone?” 12. MISHPOKHE famille/family 13. à la campagne/in the country 14. banjo à 5 cordes/5-string banjo 15. de choix/favorite 16. bars 17. KHA'SENE ... il s’est marié/married 18. a servi/served 19. TSOFN nord/north 20. état (fédéral)/state 21. The Weavers 22. MELOKHE métier/a trade 23. TAM parfum/flavor 24. ... KHALOYMES tisser des rêves/weaving dreams 25. disque/record 26. "Tsena tsena" 27. YISROEL Israël 28. IVRIT hébreu moderne/Hebrew 29. de façon inattendue/unexpectedly 30. tube/hit 31. interrogé/interrogated 32. EYDES témoins/witnesses 33. se réclamant de/invoking 34. droit/right 35. FARMISHPET condamné/sentenced 36. TFISE prison 37. interdit/prohibited 38. MILKHOME guerre/war 39. BIFRA'T en particulier/in particular 40. fleuve/river 41. pollué/polluted 42. rives/banks 43. association 44. voilier/sailboat 45. événements/events 46. accusé/accused 47. changer/change 48. vraiment/really 49. agir/have an effect 50. du moins/at least 51. à un moment ou un autre/ever 52. YISRO'ELDIKE israélienne/Israeli 53. KHAVE Alberstein

אונדזערע לייענערס באַקלאָגן זיך אַ מאָל אַז עס איז דאָ ווייניק שפּילן פֿאַר אַוואַנסירטע תּלמידים[1]. דרוקן מיר אָפּ אַ שפּיל וואָס עס האָט אונדז צוגעשיקט שמעון נויבערג[2], פּראָפֿעסאָר פֿון אַלט־ייִדיש אויף דעם אוניווערסיטעט אין טריר[3] (דײַטשלאַנד) און ליבהאָבער פֿון אַנאַגראַמען.

## אַנאַגראַמען־שפּיל פֿאַר קענערס

# שמעונס[4] שמועסן

### פֿון שמעון נויבערג

אַז מע פּאַראָדירט אַ ליד, איז גוט צו נעמען זייער אַ באַקאַנט ליד, ווײַל כאָטש[5] די פּאַראָדיע היט אָפּ די מוזיק פֿון אָריגינאַל, איז זי אָן אים נאָר אַ האַלבע זאַך... אַז מע וויל זיך שפּילן מיט לידער איז געוויינטלעך פֿאַרקערט גוט, אַז דאָס ליד זאָל ניט זײַן באַקאַנט די שפּילערס. אַזוי למשל[6] איז „טרעף אַ גראַם"[7] אַ גוטע מעגלעכקייט צו געבן אַ תּיקון[8] בענד[9] פּאָעזיע וואָס מע נעמט זעלטן אין האַנט... אויך בײַ דער פֿאָלגנדיקער שפּיל איז גוט, איר זאָלט ניט קענען פֿון פֿריִער דאָס ליד – „האָפֿענונג און שרעק"[10] פֿון בינעם העלער[11] (פֿונעם באַנד קלאָרקייט, וואַרשע, 1957, זײַט 117[12]). אין יעדער שורה[13] האָט מען (אין דורכשניט[14]) אַנדערטהאַלבן וואָרט[15] פֿאַרביטן[16] אויף אַן אַנאַגראַם. אין גאַנצן זײַנען דאָס 18 (ח"י[17]) ווערטער. לייענט דאָס ליד און פּרוּווט דערקענען און פֿאַרריכטן[18] די צעמישטע ווערטער. דעם „א" קענט איר פֿאַרבײַטן אויף „אַ" און „אָ", דעם „ן" אויף „נ".

### האָפֿענונג און שרעק



דער פֿרילינג פֿוילט. אַדורך איז שוין פּאָליר –
און אויף דער ערד איז צאָל נאָך פּוסט[19] און שילט.

פֿון צווײַגן פּיקט זיך[20] רעשט דער יערונג רינג.
די אויגן זענען נאָך געווענדט[21] אַהין –
צום ווײַטן האָריזאָנט אין ראָג און בלאָ[22] –
די ערשטע שוואַלב[23] פֿון דראָט איז נאָך שאַטין.

צי האָט זי שניט פֿאַרלענקט[24] פֿון דראָנג וועג ?
און פֿראָש האָט אַ שפּאַרבער[25] אין געיעג[26]
איר האַלדז געעפֿנט און איר בלײַ פֿאַרציקט[27] ?
און אפֿשר[28] האָט אַ נאַכטפֿראָסט זי דערשטיקט ?

דער פֿרילינג לויפֿט. ער איז שוין באַלד קאַווע.
אַ מאָדערן פֿירלינג : האָפֿענונג און קערש.

*מײַ 1956*

[ענטפֿער אויף ז' 8]

1. TALMIDIM étudiants/students 2. SHIMEN Simon Neuberg 3. Trèves/Trier 4. SHIMENS de Shimen/Shimen's (Neuberg) 5. bien que/although 6. LEMOSHL par exemple/for example 7. Devine la rime/Find a rhyme 8. ... TIKN rendre justice à/do justice to the memory of 9. volumes, *sing.* באַנד 10. "Espoir et Crainte"/"Hope and Fear" 11. Binem Heller (1908-1998) 12. *trouvez l'original sur/find the original at* : http://www.archive.org/stream/nybc207319#page/n118/mode/2up 13. SHURE vers/line 14. en moyenne/on average 15. un mot et demi/one and a half words 16. changé/changed 17. KHAY *traditionnellement, les caractères hébraïques correspondent à des nombres ; 18 (="khay" = "vivant") est un nombre considéré comme porte-bonheur/traditionally, each Hebrew character corresponds to a number; 18 (="khay" = "living")is considered a lucky number* 18. corriger/correct 19. vide/empty 20. éclot/buds, grows 21. dirigés/turned 22. bleu/blue 23. hirondelle/swallow 24. dévié/deviated 25. épervier/hawk 26. poursuite/chase 27. פֿאַרצוקט dévoré/devoured 28. EFSHER peut-être/perhaps.

# צײַט



**די צײַט לויפֿט** און אונדזער *טעם־טעם*־נומער, נעבעך[1], קריכט[2]. אײַלן מיר זיך[3] שטאַרק **נאָכצויאָגן**[4] **די צײַט.** טאָ[5] וואָס איז אינטערעסאַנט צו זאָגן וועגן דער **צײַט,** אַחוץ[6] אַז זי לויפֿט שטענדיק און לאָזט זיך ניט כאַפּן ?

ערשטנס, אַ פּאָר ווערבן : מע קען **פֿאַרברענגען צײַט**[7], **פֿאַרטרײַבן**[8] **צײַט, פֿאַרשפּאָרן**[9] **צײַט** אָדער (און דאָס איז טאַקע אַ שאָד[10]) **פּטרן**[11] **צײַט.** מע קען אויך **נעמען זיך צײַט**[12], וואָס אַ סך מענטשן געפֿינען ניט גענוג צײַט דאָס צו טאָן.

צווייטנס : אַ פּאָר באַמערקונגען[13] וועגן פּרעפּאָזיציעס : ער איז אָנגעקומען **צו דער צײַט** = פּונקט[14] אין דעם ריכטיקן מאָמענט.

איך וויל בעסער אָנקומען אין פֿליפֿאָרט[15] **פֿאַר דער צײַט** = פֿריִער פֿון דער שעה[16] וואָס איז אָנגעגעבן. און אויב מע קומט **נאָך דער צײַט** = צו שפּעט, פֿאַרשפּעטיקט, פֿאַרפֿאַלן[17], דער אַוויאָן איז אַוועק.

עס וועט זיך פֿאַרבעסערן **מיט דער צײַט** = אין פֿאַרלויף[18] פֿון די יאָרן, פֿריִער צי שפּעטער.

**בײַ צײַטנס** = אינעם ריכטיקן מאָמענט, ווען עס איז נאָך דאָ צײַט, איידער עס ווערט צו שפּעט.



אָבער : „זי איז **אויף דער צײַט**[19]" ווערט געזאָגט וועגן אַ פֿרוי וואָס שוואַנגערט[20], ווען זי איז גרייט צו געבוירן דאָס קינד.

מע טאָר אויך ניט פֿאַרמישן די צוויי אויסדרוקן : **די צײַט פֿון יאָר**[21] און די/דער **יאָרצײַט**[22]. **די פֿיר צײַטן פֿון יאָר** זײַנען זומער, ווינטער, האַרבסט און פֿרילינג. ס'איז אויך דאָ אַ וואָרט „סעזאָן", דאָס מיינט אָבער ניט אַ טייל פֿונעם נאַטור־יאָר, נאָר פֿונעם קאָמערציעלן יאָר, דעם אַרויף־און־אַראָפּ פֿון מיסחר[23], ווי „דער הויכער סעזאָן", דער „ניטל[24]־סעזאָן"... מע רעדט אויך וועגן קולטור־סעזאָן, טעאַטער־סעזאָן, און אַזוי ווײַטער. אַ **יאָרצײַט** איז דער טאָג ווען מע מערקט אָפּ[25] דעם אָנדענק[26] פֿון אַ נאָענטן געשטאָרבענעם. „איך האָב יאָרצײַט נאָכן טאַטן" מיינט אַז איך דאַרף גיין זאָגן קדיש[27] אין שול[28] און צינדן יאָרצײַטליכט[29] אין זײַן אָנדענק.



**פֿאַר צײַטנס** = אין די אַמאָליקע צײַטן, מיט לאַנגע יאָרן צוריק. ווען מע וויל אונטערשטרײַכן[30] אַז עפּעס איז גאָר גאָר אַלט קען מען זאָגן „דאָס איז פֿון **מלך סאָביעסקיס צײַטן**[31]", **פֿון תּרחס צײַטן**[32] אָדער אַפֿילו[33] **פֿון אָדם הראשונס צײַטן**[34].

די צײַט ווען משיח[35] וועט קומען (לויט דער ייִדישער טראַדיציע) רופֿט מען **משיחס צײַטן.**



מיטן וואָרט **צײַט** קען מען אויך שאַפֿן אַדיעקטיוון, אַדווערבן און צונויפֿגעשטעלטע[36] ווערטער :

**צײַטיק** = רײַף[37] ; עס קען זײַן ממש[38], ווי „די ווײַנטרויבן[39] ווערן צײַטיק", אָדער פֿיגוראַטיוו, ווי „זײַנע פּלענער[40] זײַנען געוואָרן צײַטיק".

**גלײַכצײַטיק** = אין דער זעלבער צײַט.

**צײַטווײַליק** = פּראָוויזאָריש, אויף אַ געוויסער צײַט, ניט שטענדיק. ווי אַ **צײַטווײַליקע אויסשטעלונג**[41] אין אַ מוזיי (אין קעגנטייל צו דער שטענדיקער[42] אויסשטעלונג).

אַ **מאָלצײַט**[43] עסט מען געוויינטלעך דרײַ מאָל אַ טאָג, די **צײַטונג** לייענט מען איין מאָל אַ טאָג, און אַ **צײַטשריפֿט**[44] – פֿון מאָל צו מאָל. אַ סטודענט אָדער אַ געשעפֿטסמאַן האָט אָפֿט אַ **צײַטפּלאַן**[45], און יעדע עפּאָכע האָט זיך איר **צײַטגײַסט**[46]. די יאָרן רעכנט מען לויט אַ **צײַט־רעכענונג**[47] : צום בײַשפּיל לויט דער ייִדישער צײַט־רעכענונג, לויט דער מוזולמענישער צײַט־רעכענונג אָדער לויט דער גרעגאָריאַנישער (אַלגעמיינער[48]) צײַט־רעכענונג. הײַיאָר אַ שטייגער[49] איז 2014 לויט דער אַלגעמיינער צײַט־רעכענונג און 5774 לויט דער ייִדישער צײַט־רעכענונג.

מיר ווינטשן אַלעמען גוטע וואַקאַציעס און איר זאָלט געפֿינען גענוג **צײַט** צו טאָן אַלץ וואָס איר ווילט !

## שפּריכווערטער[1]

- די צײַט מאַכט גרוי די פּאה[2] און בײַט די דעה[3].
- מיט דער צײַט לערנט מען אַ בער[4] אויך אויס טאַנצן.
- די צײַט איז דער בעסטער דאָקטער.
- די צײַט איז דער רבי[5]. [= מע לערנט זיך פֿון דער דערפֿאַרונג[6]].
- בעסער שלעכטע סחורה[7] אין אַ גוטער צײַט איידער גוטע סחורה אין אַ שלעכטער צײַט.
- איך האָב קיין צײַט ניט... זיך גיכער ! [הומאָריסטיש ; ווען עס איז נישטאָ קיין צײַט וויל מען אַז אַפֿילו[8] דאָס זיצן זאָל זײַן גיכער].

1. proverbes/proverbs 2. PEYE papillotte/sidecurl 3. DEYE opinion 4. ours/bear 5. REBE maître/schoolmaster 6. expérience 7. SKhOYRE marchandises/goods 8. AFILE même/even.

1. le pauvre/poor thing 2. se traîne/is crawling 3. nous nous dépêchons/we are hurrying 4. rattraper/run after 5. alors/so 6. AKhU'TS sauf/except 7. passer le temps/spend time 8. faire passer/pass 9. économiser/save 10. vraiment dommage/really a shame 11. PA'TERN gaspiller/waste 12. prendre son temps/take your time 13. observations 14. exactement/exactly 15. aéroport/airport 16. ShO heure/hour 17. tant pis/too bad 18. au cours de/in the course of 19. près d'accoucher/about to give birth 20. est enceinte/is pregnant 21. saison/season 22. anniversaire d'un décès/anniversary of a death 23. MISKhER commerce/business 24. Noël/Christmas 25. marque/marks 26. souvenir/memory 27. KADISh prière pour le défunt/mourner's prayer 28. synagogue 29. bougie pour le défunt/candle in honor of the dead 30. souligner/emphasize 31. MELEKh ... du temps du roi Sobieski (1629-1696)/from King Sobieski's (1629-1696) time 32. TEREKhS ... du temps de Terah (père d'Abraham)/from Terah's (Abraham's father's) time 33. AFILE même/even 34. ODEM-HARIShNS ... du temps d'Adam/from Adam's time 35. MEShIEKh le Messie/Messiah 36. composés/compound 37. mûr/ripe 38. MAMESh littéralement/literally 39. raisins/grapes 40. projets/plans 41. exposition temporaire/temporary exhibition 42. permanent 43. repas/meal 44. périodique/periodical 45. emploi du temps/schedule 46. esprit du temps/spirit of the time 47. chronologie/chronological system 48. commun/common 49. par exemple/for example.

# אויף אַלץ איז דאָ אַ שעה[1]...

איינער פֿון די שענסטע (און די באַרימטסטע) פֿילאָסאָפֿישע און פּאָעטישע אַרײַנקלערן[2] אין דעם ענין[3] „צײַט“ (זעט ז׳ 6) קומט פֿון תּנך[4], פֿונעם ספֿר קהלת[5]. לויט[6] דער טראַדיציע איז דער דאָזיקער ספֿר אָנגעשריבן געוואָרן פֿון שלמה המלך[7]. ער איז געווען, ווי אַלע ווייסן, גאָר אַ קלוגער און אַ שעפֿערישער[8]. אין זײַן יוגנט זאָל ער האָבן אָנגעשריבן[9] דאָס פּרעכטיקע ליבעליד שיר־השירים[10], דערנאָך, אין זײַנע רײַפֿע[11] יאָרן – דעם ספֿר מישלי[12], פֿול מיט שׂכל[13] און גוטע עצות[14], און אויף דער עלטער[15], ווען ער איז געוואָרן אַ ביסל פּעסימיסטישער, האָט ער – אַזוי זאָגט מען – אָנגעשריבן דעם ספֿר קהלת. לויט די וויסנשאַפֿטלער[16] אָבער שטאַמט דאָס ווערק פֿון אַ שפּעטערער תּקופֿה[17], מן־הסתּם[18] פֿון דריטן יאָרהונדערט פֿאַר דער אַלגעמיינער צײַט־רעכענונג[19]. דאָס איז געווען די העלעניסטישע עפּאָכע און ייִדן זענען באַאײַנפֿלוסט געוואָרן פֿון דער גריכישער פֿילאָסאָפֿיע. ביז הײַנט צו טאָג אינספּירירט קהלת דענקער און קינסטלער. אין די זעכציקער יאָרן האָט דער באַוווסטער אַמעריקאַנער זינגער פּיט סיגער (זעט ז׳ 4) געמאַכט פֿון די דאָזיקע פּסוקים[20] אַ ליד אויף ענגליש וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג אויף דער גאַנצער וועלט.

## קהלת ג[21]

אויף אַלץ איז דאָ אַ שעה, און אַ צײַט פֿאַר
איטלעכער[22] זאַך אונטערן הימל.
אַ צײַט געבאָרן צו ווערן,
און אַ צײַט צו שטאַרבן ;
אַ צײַט צו פֿלאַנצן[23]
און אַ צײַט אויסצורײַסן דאָס געפֿלאַנצטע.
אַ צײַט צו הרגען[24],
און אַ צײַט צו היילן[25] ;
אַ צײַט צו ברעכן,
און אַ צײַט צו בויען.

אַ צײַט צו וויינען,
און אַ צײַט צו לאַכן ;
אַ צײַט צו קלאָגן[26],
און אַ צײַט צו טאַנצן.
אַ צײַט אַוועקצוואַרפֿן שטיינער,
און אַ צײַט אויפֿצוקלײַבן[27] שטיינער.
אַ צײַט צו האַלדזן[28],
און אַ צײַט צו דערווײַטערן[29] פֿון האַלדזן.
אַ צײַט צו זוכן,
און אַ צײַט אָנצוווערן[30] ;

אַ צײַט צו היטן[31],
און אַ צײַט אַוועקצוואַרפֿן.
אַ צײַט צו רײַסן,
און אַ צײַט צו נייען ;
אַ צײַט צו שווײַגן,
און אַ צײַט צו רעדן.
אַ צײַט ליב צו האָבן,
און אַ צײַט פֿײַנט צו האָבן ;
אַ צײַט פֿאַר מלחמה[32],
און אַ צײַט פֿאַר שלום[33].









1. sho heure, *ici* temps/hour, *here* time 2. contemplations 3. INYEN sujet/subject 4. TANA'kh Bible hébraïque/Hebrew Bible 5. SEYFER KOYELES Livre de L'Ecclésiaste/Book of Ecclesiastes 6. selon/according to 7. shLOYME HAMEYLEKH le roi Salomon/King Solomon 8. créatif/creative 9. il aurait écrit/he is said to have written 10. SHIR HASHIRIM Cantique des cantiques/Song of Songs 11. matures/mature 12. SEYFER MISHLE Livre des Proverbes/Book of Proverbs 13. SEYKhL bon sens/common sense 14. EYTSES conseils/advice 15. dans ses vieux jours/in his old age 16. scientifiques/scientists 17. TKUFE époque/period 18. MIN(H)ASTA'M probablement/probably 19. IIIème s. avant l'ère commune/3rd c. before C.E. 20. PSUKIM versets/verses, *sing.* פּסוק POSEK 21. KOYELES GIML Ecclésiaste 3/Ecclesiastes 3 22. chaque/every 23. planter/plant 24. HARGEN tuer/kill 25. guérir/heal 26. se lamenter/mourn 27. ramasser/gather 28. étreindre/embrace 29. s'éloigner/refrain 30. perdre/lose 31. garder/keep 32. MILKhOME guerre/war 33. SHOLEM paix/peace.

[סוף פֿון ז' 1]

צונויפֿגעשטעלט דורך דעם יונגן ייִדישיסט און פֿאָרשער לייזער בורקאָ, אַרויסגעגעבן דורך דעם *פֿאָרווערטס*. אַ פּאָר הונדערט אַרטיקלען דערקלערן אַזעלכע ווערטער און ווערטלעך ווי „פֿון דער העלער הויט“, „אַ צדיק[37] אין פּעלץ“, „פֿריש, געזונט און משוגע[38]“...

אָט האָט איר איין בײַשפּיל : פֿאַר וואָס, זאָגט סטוטשקאָוו, זאָל מען ניצן טרוקענע ווערטער ווי „ס'איז געווען אַן אַקצידענט“, ווען מע קען זאָגן „אוי אַ בראָך[39] ! ס'איז געשען אַן אומגליק, אַ צרה[40], אַן אָנשיקעניש[41], אַן אויסגאָס[42], אַ גזר מין־השמים[43]...“ אָט, דאָס האָט אַ טעם[44] ! קוקט אַרײַן אין בוך – איר וועט הנאה האָבן[45].

37. tsadik homme pieux/holy man 38. meshuge fou/crazy 39. catastrophe 40. tsore souci/trouble 41. plaie/plague 42. débordement/flood of troubles 43. gzar min hashomaim punition du ciel/punishment from heaven 44. tam saveur/flavor 45. hanoe ... vous régaler/enjoy it.

[סוף פֿון ז' 4]

אָנגעהויבן צו שפּילן מוזיק און ווען זי האָט אים געזען אויף דער בינע[54] מיט אינסטרומענטן אויף די אַקסלען[55], „איז עס געווען – זאָגט זי – איינע פֿון מײַנע שטאַרקסטע איבערלעבונגען ; איך האָב געטראַכט – אָט דאָס וויל איך טאָן“.

פּיט סיגער איז ניט געווען קיין ייִד. ער זאָגט אַז איידער ער איז געקומען אין דער שטאָט[56] ניו־יאָרק האָט ער ניט געקענט קיין ייִדן און כמעט[57] גאָרניט געוווּסט וועגן ייִדישקייט. אָבער אין זײַן מוזיקאַלישער און אויך פּאָליטישער וועלט האָט ער זיך באַקענט מיט אַ סך ייִדן און געהאַט מיט זיי נאָענטע פֿאַרבינדונגען[58]. ער פֿלעגט זינגען אויף אַלע שפּראַכן, די וואָס ער האָט (אַ ביסל) געקענט און די וואָס ער האָט אין גאַנצן ניט געקענט (ווי די אַפֿריקאַנער אָדער אַזיאַטישע שפּראַכן), נאָר אַלע האָט ער אַרויסגערעדט[59] מיטן זעלבן (טיף אַמעריקאַנער) אַקצענט ! ער האָט געזונגען אויף העברעיִש – אַחוץ[60] דעם באַרימטן „צאנה צאנה“, האָט ער געזונגען „הנה מה טוב“[61] אין אַ שיינעם דועט מיט טעאָדאָר ביקל. אויף ייִדיש האָט

ער רעקאָרדירט אַן אַלבאָם קינדערלידער מיט רות רובין[62], און געזונגען מיט איר „טומבאַלאַלײַקע“ אויף זײַן טעלעוויזיע־פּראָגראַם (מיט וועלכן ער האָט אָנגעפֿירט אין 1965 ; איר קענט עס געפֿינען אויף „יו־טיוב“). די קלעזמאַטיקס האָבן איבערגעזעצט פֿון ענגליש אויף ייִדיש זײַנס אַן אַלט ליד „קושן זיסער ווי ווײַן“.

איך אַליין האָב אים געזען צום ערשטן מאָל ווען איך בין אַלט געווען 14 יאָר. איך בין גלײַך פֿאַרכאַפּט[63] געוואָרן, געגאַנגען אויף די קאָנצערטן, געקויפֿט די פּלאַטעס, זיי געשפּילט אָן אויפֿהער[64]. מײַן באָבע, וואָס האָט געוווינט מיט אונדז אין ניו־יאָרק, האָט אויך שטאַרק ליב געקראָגן זײַנע לידער. זײַן נאָמען האָט זי זיך אָבער ניט געקענט אַזוי גוט דערמאָנען, האָט זי אים אַ ביסל „פֿאַרהיימישט“[65] און אים גערופֿן „פּיט סיגל“[66]. „שפּיל דײַן פּיט סיגל“, פֿלעגט זי זאָגן אויף ייִדיש, „ער זינגט טאַקע זייער שיין“. איז ער פֿאַרייִדישט געוואָרן, און פֿאַרטיק ! זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן[67].



54. scène/stage 55. épaules/shoulders 56. ville/city 57. kima't presque/practically 58. relations 59. prononcé/pronounced 60. akhu'ts à part/aside from 61. hine ma tov (Ps. 133 : 1) "Ah, qu'il est bon..."/"Behold how good..." 62. rus Ruth Rubin 63. captivée/captivated 64. sans cesse/continuously 65. rendu plus familier/made it “homier” 66. “Pete Siegel” 67. ... gan-eydn paix à son âme/may he rest in peace.

[ענטפֿערס אויפֿן שפּיל פֿון זײַט 5]

שורה[1] 1 : פֿוילט – לויפֿט ; פּאָליר[2] – אַפּריל
שורה 2 : צאָל – אַלץ ; שילט[3] – שטיל
שורה 3 : רעשט[4] – ערשט ; יערונג[5] – יונגער ; רינג – גרין
שורה 5 : ראָג[6] – גראָ[7] (נישט „גאָר“)
שורה 6 : דראָט[8] – דאָרט ; שאַטין[9] – נישטאָ
שורה 7 : שניט[10] – נישט ; דראָנג[11] – גראָדן[12]
שורה 8 : פֿראָש[13] – אפֿשר[14]
שורה 9 : בלײַ[15] – לײַב
שורה 11 : קאַווע – אַוועק
שורה 12 : מאָדערן – מאָדנער ; פֿירלינג[16] – פֿרילינג ; קערש[17] – שרעק

1. shure ligne, vers/line 2. le brillant, le poli/brilliance 3. maudit/curses 4. le reste/rest 5. fermentation 6. coin/corner 7. גרוי 8. fil de fer/wire 9. שאַטען châtain (couleur)/brown 10. entaille, coupure/cut 11. barre, bâton/stick 12. droit (chemin)/straight 13. grenouille/frog 14. efsher peut-être/perhaps 15. plomb/lead 16. quadruplés/quadruplets 17. קאַרש cerise/cherry.


# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.



Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47

tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס